בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוָן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת פִּנְחָס

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com
צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אוּן טְרָאסְטְן מַיין מַאן?..........................................א

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אוֹיסְצוּפִירְן זַאכְן וָואס אִיךְ וִויל?.........ג

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת?...............................ה

קֶענֶען אוֹיךְ פְּרוֹיעָן אוּן מֵיידְלֶעךְ זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ?........ו

מוּז אִיךְ טַאקֶע טוּן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּבּ?...................... יא

וִוי אַזוֹי הִיט מֶען זִיךְ פוּן טֶערֶעפִּיסְטְן וָואס מַאכְן נָאר עֶרְגֶער?.. יג

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דִי בְּרִיוו אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָ"א"ש וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן...................................א

דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַ פְּלַאץ וואוּ גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת קוּמֶען צוּ גֵיין .....ב

פַאלְשֶׁע צִירוּנְגֶען מִיט אַן עֶכְטֶע חָתָן ...................................ג

קוּקְן אוֹיף דִי טוֹבָה פוּנֶעם קִינְד, נִישְׁט אוֹיף כָּבוֹד הַמְדֻמֶּה.........ד

עֶס אִיז נִישְׁט גוּט דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן רֵייכֶערְן ...........................ה

דֶער חָלוֹם אִיז אֱמֶת, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז נִישְׁטָא קַיין קַשְׁיוֹת.......ו

גֶעסְט וָואס קוּמֶען, אִיז אַ מַתָּנָה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ז

אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, הָאט מֶען פְרֵיילִיכֶע חֲלוֹמוֹת ......................ח

דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּקְלוֹיבְּן אַ גוּטֶע
פָּאסְטְן פַאר פַּרְנָסָה ........................................................ט

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער,
אָבֶּער עֶס אִיז אַלְץ כְּדַאי.................................................... י

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט אַ גוּטֶע וֶועג וַוייזֶער .. יא

אָנְצִינְדְן נִיגוּנִים נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס ............................ יא

וִוי מֶער מֶען לֶערְנְט, אַלְץ גֶעשְׁמַאקֶער וֶוערְט עֶס ...................יב

נִישְׁט אַלֶע בָּחוּרִים לֶערְנֶען טַאקֶע אִין יְשִׁיבָה......................... יג

מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ כַאפְּן דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער.....יד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס טוּ אִיךְ אַז עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ גְלֵייבְּן אוּן טְרָאסְטְן מַיין מַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶעב בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר אַ גוּטֶע לֶעבְּן מִיט מַיין מַאן, מִיר הָאבְּן מֶער וֵוינִיגֶער אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אָבֶער גְלַייךְ נָאךְ אוּנְזֶער חֲתוּנָה הָאט מִיר מַיין מַאן גֶעזָאגְט אַסַאךְ לִיגְנְט כְּדֵי אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן פוּן אִים, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאב אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ אִים אָפְן אוּן אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר מוּז נִישְׁט זַיין פוּנְקְט וִוי מִיר אוּן אִיךְ הָאב אִים נָאכְאַלְץ לִיב, אָבֶער וֶוען עֶר זָאגְט לִיגְנְט מַאכְט עֶס אִיךְ זָאל אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גְלֵייבְּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר זָאגְט יָא אֱמֶת. עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס עֶר וִויל טוּן, עֶר הָאט זִיךְ נָאר צוּגֶעוואוֹינְט אַזוֹי.

עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטַאנֶען אוּן פוּן דֶעמָאלְט אַרְבֶּעט עֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער נִישְׁט צוּ זָאגְן קַיין לִיגְנְט. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז יֶעצְט אִיז מִיר שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים צוּ גְלֵייבְּן אוּן טְרָאסְטְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בָּלָק, י' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם בַּיי אַסַאךְ שְׁטוּבֶער, עֶלְטֶערְן לֵייגְן אַ פַּחַד אוֹיף דִי קִינְדֶער אוּן דָאס מַאכְט חָרוּב דִי שְׁטוּבּ; עֶלְטֶערְן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַז זֵיי לֵייגְן צוּגְרִינְד דִי קִינְדֶער מִיטְ'ן לֵייגְן אַ פַּחַד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין ו:): "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", מֶען זָאל נִישְׁט וַוארְפְן אַ שְׁרֶעק אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, "שֶׁהֲרֵי פִּילֶגֶשׁ בַּגִּבְעָה הֵטִיל עָלֶיהָ בַּעֲלָהּ אֵימָה יְתֵירָה, וְהִפִּילָה כַּמָּה רְבָבוֹת מִיִּשְׂרָאֵל", וַוייל דִי מַעֲשֶׂה פוּן פִּילֶגֶשׁ בַּגִּבְעָה, וִוי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען גֶע'הַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען דוּרְךְ אַ מַאן וָואס הָאט גֶעוָוארְפְן אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס וַוארְפְט אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, "סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת: גִּלּוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָּמִים וְחִלּוּל שַׁבָּת", וֶועט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי דְרֵיי הָארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן גִּלּוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָמִים אוּן חִלּוּל שַׁבָּת. רַשִׁ"י גֶעבְּט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס זִי דַארְף זִיךְ מְטַהֵר זַיין אוּן זִי וֶועט מוֹרָא הָאבְּן אִים צוּ זָאגְן 'אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעגַאנְגֶען' וֶועט זִי אִים צוּבְּרֶענְגֶען צוּ אִיסוּר נִדָּה, דָאס אִיז **גִּלּוּי עֲרָיוֹת**; אוֹיךְ וֶועט זִי אַוֶועק לוֹיפְן אוּן זִי וֶועט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ גְרוּבּ אָדֶער אַרָאפְּפַאלְן פוּן אַ בְּרִיק, דָאס אִיז **שְׁפִיכוּת דָמִים**; אוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶועלְן פוּן פַּחַד אָנְצִינְדְן דִי לִיכְט אָדֶער עֶנְדִיגְן קָאכְן פוּן גְרוֹיס פַּחַד, דָאס אִיז **חִלּוּל שַׁבָּת**.

נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם, ז.): "לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", מֶען זָאל נִישְׁט לֵייגְן קַיין פַּחַד אִין שְׁטוּבּ, "שֶׁהֲרֵי אָדָם גָּדוֹל הֵטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וַוייל אַז מֶען לֵייגְט אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ קוּמְט מֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אַמָאל הָאט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק גֶעלֵייגְט אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ, "וְהֶאֱכִילוּהוּ אֵבֶר מִן הַחַי", אוּן מֶען הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ עֶסְן אֵבֶר מִן הַחַי, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי כָּשֵׁר'עֶ פְלֵייש, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט עֶר וֶועט שְׁרֵייעֶן, הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁנִיטְן אַ שְׁטִיק פְלֵייש פוּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע בְּהֵמָה אוּן אִים דָאס גֶעבְּרֶענְגְט.

לֵיידֶער זֶענֶען דָא אַסַאךְ עֶלְטֶערְן וָואס לֵייגְן אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דִי

וַוייב אוּן קִינְדֶער, דָאס מַאכְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען לֶעבְּן אַ דָאפְּלְטֶע לֶעבְּן, דִי גַאנְצֶע מֹחַ גֵייט נָאר וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְפָּאפְּן, וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן לִיגְנְט, זֵיי וֶוערְן אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן לִיגְנְט אַז זֵיי קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן גְרָאד, אַלֶעס אִיז מִיט לִיגְנְט, אַלֶעס אִיז פַארְדְרֵייְדְט.

אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין טְרָאסְט אִין אַייעֶר מַאן, זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. נֶעמְט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע פְרַיינְט.

דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי זַאךְ פוּן אַייעֶר מַאן, וִוי עֶר זָאגְט אַלְץ לִיגְנְט אוּן עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער צוּ לֶעבְּן מִיט דֶעם פְּרַט, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַייעֶר מַאן זָאל זַיין גְרָאד, עֶר זָאל נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן; תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְט צוּ גוּט עֶס קֶען אִינְגַאנְצְן טוּישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אוֹיסְצוּפִירְן זַאכְן וָואס אִיךְ ווִיל?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיסְפִירְן קַיין זַאכְן, אִיךְ מַאךְ אָפּ מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אַז אִיךְ גֵייט טוּן עֶפֶּעס, אָבֶּער אִיךְ וֶוער פָּשׁוּט פַארְלוֹירְן, אִיךְ וֶוער פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אָדֶער גֵייט פָּשׁוּט נִישְׁט אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאב גֶעווָאלְט אוּן אִיךְ טוּ עֶס לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוֹיסְצוּפִירְן זַאכְן מִכֹּחַ אֶל הַפּוֹעַל?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בָּלָק, י' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט ווִי שְׁטַארְק עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם, נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט צוּ טוּן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קטו): "וְדַרְכּוֹ הָיָה שֶׁהָיָה בּוֹרֵר לוֹ אֵיזֶהוּ דֶּרֶךְ יְשָׁרָה אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", עֶר פְלֶעגְט אָפְּמַאכְן אַ גֶעווִיסֶע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהִתְחִיל לְהִתְנַהֵג בְּאֵלּוּ הַהַנְהָגוֹת וּבְאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ שֶׁבָּחַר לוֹ", עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין מִיט דִי הַנְהָגוֹת, "וְהָיָה מִתְנַהֵג בְּאֵלּוּ הַהַנְהָגוֹת אֵיזֶה זְמַן", אוּן מִיט דִי הַנְהָגוֹת אִיז עֶר גֶעוֶוען שְׁטַארְק פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, "וְכָל מַה שֶּׁהָיוּ בָּאִים עָלָיו מַחֲשָׁבוֹת אֲחֵרוֹת לְבַלְבְּלוֹ מֵהַנְהָגָה זֹאת וּלְהִתְנַהֵג בְּדֶרֶךְ אַחֵר", אוּן וֶוען עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען מַחֲשָׁבוֹת עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דִי הַנְהָגוֹת אוּן אָנְהֵייבְּן אַנְדֶערֶע הַנְהָגוֹת, "לֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ לְאֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת כְּלָל", הָאט עֶר זֵיי נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסֶנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת, "וְהָיָה דּוֹחֶה אֶת אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת מִדַּעְתּוֹ וְלֹא הִנִּיחָם לִכָּנֵס בְּדַעְתּוֹ כְּלָל", עֶר הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ: 'טוּ אַנְדֶערְשׁ, מַאךְ אַנְדֶערְשׁ', "רַק הָיָה חָזָק וְאַמִּיץ בְּדַעְתּוֹ מְאֹד", עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, "וְהָיָה הוֹלֵךְ וּמִתְנַהֵג בַּדֶּרֶךְ שֶׁבָּחַר לוֹ אֵיזֶה זְמַן", צוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי וֶועג, מִיט דִי קַבָּלוֹת טוֹבוֹת אוּן הַנְהָגוֹת וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט צוּ טוּן, "אַךְ אַחַר כָּךְ בְּהֶמְשֵׁךְ הַזְּמַן, אַחַר כַּמָּה שָׁבוּעוֹת, חָזַר וּבָא עַל דַּעְתּוֹ אֵיזֶה מַחֲשָׁבוֹת, שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְנַהֵג בְּדֶרֶךְ אַחֵר", נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶוען עֶס אִיז נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין קָאפּ דִי מַחֲשָׁבוֹת אַז מֶען דַארְף אָפְּלָאזְן דִי וֶועג אוּן טוּן אַנְדֶערְשׁ, "וְאָז אַחַר שֶׁכְּבָר עָבַר זְמַן אָרֹךְ, אָז יָשַׁב עַצְמוֹ וּבָחַר לוֹ אֵיזֶה דֶּרֶךְ וְסֵדֶר אַחֵר כְּפִי שֶׁהָיָה נִרְאֶה לוֹ אָז", דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נַייעֶ סֵדֶר ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי אַזוֹי עֶס אִיז אִים דֶעמָאלְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין מַחֲשָׁבָה צוּ טוּן, "אֲבָל לֹא הִנִּיחַ עַצְמוֹ לְבַלְבֵּל בְּכָל פַּעַם מֵעֲבוֹדָה לַעֲבוֹדָה וּמִדֶּרֶךְ זֶה

לְדֶרֶךְ אַחֵר, רַק הָיָה חָזָק לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ אֶחָד זְמַן גָּדוֹל כַּנַ"ל", אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁטֶערְן, טוֹישְׁן דִי וֶועג, אָפְּלָאזְן דִי גוּטֶע קַבָּלָה וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט; עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק מִיט זַיינֶע סְדָרִים.

זֶעט מֶען אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ נִסָּיוֹן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן; דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי וֶועגְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וֶוען עֶר זֶעט אֵיינֶעם אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט עֶר מִיט אַ וֶועג יֶענֶעם שְׁוַואךְ צוּ מַאכְן, יֶענֶעם שְׁטֶערְן, יֶענֶעם מְבַלְבֵּל זַיין 'טוּ אַזוֹי', 'מַאךְ אַזוֹי', 'מַאךְ יֶעצְט אַנְדֶערְשׁ'; אַבִּי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁוַואךְ וֶוערְן אוּן אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר; יֶעדֶעס מָאל דוּ מַאכְסְט אָפּ קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, דוּ מַאכְסְט אָפּ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גְּלַייךְ נָאכְדֶעם וֶוערְסְטוּ שׁוֹין צֶעדְרֵיידְט, דוּ הֵייבְּסְט אָן טְרַאכְטְן 'אֶפְשָׁר פַארְקֶערְט?' אוּן דוּ לָאזְט אָפּ וְכוּ'. בֶּעט אִים אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, רֶעד צוּ אִים אַזוֹי וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַלֶעס וֶועט דִיר גֵיין גְרִינְגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס, אִיךְ וֵוין יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וִויל זַיין גוּט צוּ מַיין מַאן, עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִוי אַזוֹי.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַ וֶועג פַאר מִיר וִוי אַזוֹי דָאס צוּ בַּאוַוייזְן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶער יְסוֹד פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז - מֶען זָאל זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן, עֶס טָאר נִישְׁט זַיין קַיין פַּחַד פוּנֶעם צְווֵייטְן; אַז דֶער מַאן שְׁרֵייט אוּן רֶעגְט זִיךְ, דַארְף דִי פְרוֹי אִים זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: "מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דַיין שְׁרֵייעֶן אוּן צֶעדְרֵייטֶע גוּסְטֶעס, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר אָן פְּחָדִים".

וֶוען דֶער מַאן הֶערְט דָאס אֵיינְמָאל, צְווֵיי מָאל אוּן דְרֵיי מָאל - וֶועט עֶר טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זַיין וַוייבּ. דִי וַוייבּ דַארְף זַיין אָפְן מִיט אִים, נִישְׁט אַיינְגֵיין אִין זִיךְ אוּן לֶעבְּן מִיט פַּחַד אוּן שְׁרֶעק.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן דִי חָכְמַת נָשִׁים וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַייעֶר שְׁטוּבּ. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א) "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אִיר שְׁטוּבּ; זִי גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אִיר מַאן, זִי וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַלְץ זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין שְׁטוּבּ, אִיר זָאלְט אַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דָאס אִיז דִי יְסוֹדוֹת פוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

נָאכְאַמָאל, זַייט אָפְן מִיט אַייעֶר מַאן, הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן אַייעֶרֶע גֶעפִילְן, הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ זָאגְן: "וָואס אִיז מִיט דַיין גוּסְטֶע וְכוּ'?" אוּן אַרְבֶּעטְס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

...

**קֶענֶען אוֹיךְ פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך בין דא אין קעמפּ בית פיגא, איך בין זייער פרייליך צו זיין אויף זומער צוזאמען מיט די פרייליכע ברסלב'ע מיידלעך.

ברוך השם אז איך האב געענדיגט דעם שבת די זיבן און זיבעציגסטע מאל ספר תהלים.

איך האב געליינט א בריוו אין עצתו אמונה [דער בריוו איז בייגעלייגט צום סוף פון דעם בריוו] וואו דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט ווי אזוי מען קען זוכה זיין צו רוח הקודש דורכ'ן לערנען תורה. האב איך געוואלט פרעגן אויב עס איז אויך דא א וועג פאר א מיידל זוכה צו זיין צו רוח הקודש.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת בלק, י"ב תמוז, שנת תשפ"א לפרט קטן

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

אוודאי קענען פרויען און מיידלעך אויך צוקומען צו הויכע מדריגות אין עבודת השם, זיי קענען אנקומען צו רוח הקודש און נבואה.

אלע עצות, הדרכות און הנהגות פון רבי'ן זכרונו לברכה איז אויך פאר פרויען און מיידלעך; אדרבה, דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן לג): "אצל העולם אמונה הוא דבר קטן, ואצלי אמונה הוא דבר גדול מאד, ועקר האמונה היא בלי שום חכמות וחקירות כלל, רק בפשיטות גמור כמו שהנשים וההמון עם הכשרים מאמינים", ביי די וועלט איז אמונה א קליינקייט, אבער ביי מיר איז דער עיקר אמונה, מיר דארפן זיך לערנען צו האבן אמונה אן קיין חקירות און אן קיין חכמות, נאר פשוט אזוי ווי פרויען און פשוט'ע מענטשן האבן גאר א שטארקע אמונה.

ביי פרויען איז נישט שייך לימוד התורה. די הייליגע חכמים זאגן (סוטה כא:): "כל המלמד את בתו תורה", ווער עס לערנט מיט זיינע טעכטער תורה, "כאלו מלמדה תפלות", איז אזוי ווי ער לערנט איר נישט גוטע זאכן.

בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כ:): "וְחַיָּבִין בִּתְפִלָּה", זָאגְט רַשִׁ"י: "דִּתְפִלָּה רַחֲמֵי הִיא וּמִדְּרַבָּנָן הִיא, וְתִקְּנוּהָ אַף לְנָשִׁים וּלְחִנּוּךְ קְטַנִּים"; אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר אַרוֹיס אַלֶע הֲלָכוֹת תְּפִלָּה פוּן חַנָּה, דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא (שָׁם, לא). אַז מֶען נֶעמְט דִי עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת עֶרְנְסְט, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע דַרְגָּה, בִּיז רוּחַ נְבוּאָה.

אוֹיךְ אִיז בַּיי אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן דֶער עִיקָר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - פִירְן דִי שְׁטוּבּ, דִי גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִין שְׁטוּבּ; דִי עֶסְן, דִי כַּשְׁרוּת פוּן דִי עֶסְן, חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת - אַלֶעס אִיז אִיר עֲבוֹדָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין", מִיט וָואס זֶענֶען דִי פְרוֹיעֶן זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ עוֹלָם הַבָּא? פְרוֹיעֶן הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קַיין תּוֹרָה? "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא, וּבְאַתְנוּיֵי גַבְרַיְיהוּ בֵּי רַבָּנָן, וְנָטְרָין לְגַבְרַיְיהוּ עַד דְּאָתוּ מִבֵּי רַבָּנָן", מִיטְ'ן טְרָאגְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן זֵיי אָפְּוַוארְטְן, אוּן מִיט דֶעם וָואס זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע מֶענֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָּה.

נָאךְ אַ וֶועג צוּ בַּאקוּמֶען רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ - אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין שְׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ דְּבַר שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה", מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַז מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**הָאט מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ?**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דִי שְׁאֵלָה אִיז וָואס מֵיינְט בַּיי דִיר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? צוּ קֶענֶען אַרַיינְקוּקְן בַּיי יֶענֶעם אִין שְׁטוּבּ זֶען וָואס יֶענֶער טוּט, וָואס יֶענֶער עֶסְט פַּאר נַאכְטְמָאל - דָאס מֵיינְט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? צוּ ווִיסְן וָואס פַּאר אַ פְרִישְׁטָאג יֶענֶער עֶסְט - דָאס מֵיינְסְטוּ אִיז רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? וֶוען מֶען הֶערְט אוּן מֶען לֵיינְט אוֹיף צַדִיקִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, וָואס טְרַאכְסְטוּ? וָואס אִיז דָאס רוּחַ הַקוֹדֶשׁ? דִי צַדִיקִים זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן הָאבְּן אַזוֹי ווִי אַ סֶעטֶעלַייט קַאמֶערֶע צוּ ווִיסְן וָואס יֶענֶער עֶסְט? וָואס יֶענֶער טוּט?

רוּחַ הַקוֹדֶשׁ מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען ווֵייסְט עֲתִידוֹת, אַז מֶען ווֵייסְט וָואס גֵייט זַיין; רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר שְׁפִּירְט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דֶעם קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה זַיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֵיינִיגְט זִיךְ זַיין מוֹיל - עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין שֶׁקֶר, עֶר זָאגְט נִישְׁט קַיין לִיגְנְט; עֶר רֵיינִיגְט זִיךְ זַיין נָאז - עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, עֶר הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר ווֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶר רֵיינִיגְט זִיךְ זַיינֶע אוֹיעֶרְן - דָאס מֵיינְט עֶר הָאט אֱמוּנַת חֲכָמִים, עֶר גְלֵייבְּט אַלֶעס וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אוֹיעֶרְן; אוּן עֶר רֵיינִיגְט זִיךְ דִי אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס - ווֶעט עֶר זוֹכֶה צוּ שֶׁפַע אֱלוֹקִי, עֶר ווֶעט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא): "רוּחַ הַקֹּדֶשׁ הוּא שֶׁפַע אֱלֹקִי", צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי זִיבְּן נֵרוֹת - דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל, "שֶׁעַל יָדָם", דוּרְךְ דֶעם: "הָאָדָם מַשִּׂיג פְּנֵי הַמְּנוֹרָה, הַיְנוּ סֻכָּה", רוּחַ הַקוֹדֶשׁ ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן סוּכָּה, אַזוֹי ווִי אִין אַ סוּכָּה אִיז מֶען אִיבֶּערְגֶעדֶעקְט מִיט דִי סְכַךְ, דֶער מֶענְטְשׁ זִיצְט אִין אַ סוּכָּה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הַיְנוּ שֶׁפַע אֱלֹקִי",

דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ נִקְרָא עַל שֵׁם הַחָכְמָה, שֶׁהִיא רוּחַ חָכְמָה הַבָּא מִקֹּדֶשׁ", מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן זַאכְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער שְׁפִּירְט נִישְׁט, מֶען הֵייבְּט אָן וֶוערְן אַ מֵבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת.

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים אַז יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ. מוֹהֲרָא"ש הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י פוּנֶעם טָאג פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן יֶענֶע וָואךְ, זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, לֶערְנֶען זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא אוּן עֶנְדִיגְן דִי מֶדְרָשׁ פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ - אִיז זִיכֶער אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ. וַוייל דִי פִיר לִימוּדִים זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן דִי פִיר וֶועלְטְן אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה אוּן עֲשִׂיָּה; דוּרְךְ דִי פִיר לִימוּדִים אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ הֵיילִיגְקֵייט פוּן דִי פִיר וֶועלְטְן, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ".

אַז דוּ ווִילְסְט הָאבְּן רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ עֵצוֹת ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. קוֹדֶם נֶעם דִי עֵצָה, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין. לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם, טֵייל אַיין דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי וָואךְ, זוּנְטָאג לֶערְן בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג - בִּיז שְׁלִישִׁי, בִּיז סוֹף וָואךְ. הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; זֵיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן הֵייבּ אָן שַׁ"ס; לֶערְן יֶעדְן טָאג זִיבְּן בְּלַאט גְמָרָא, בִּיז סוֹף יָאר וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, אוֹיךְ לֶערְן מֶדְרָשׁ - וֶועסְטוּ זֶען צוּ וָואס דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין, צוּ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

## מוּז אִיךְ טַאקֶע טוּן דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּב?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט מֶען זָאל גֵיין הֶפְּקֵר, אִיךְ קֶען עֶס אָבֶּער נִישְׁט בַּאוַויְיזְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶס בַּאדֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק; אִיךְ אַרְבֶּעט זִיבְּן שָׁעָה, דֶערְנָאךְ מוּז אִיךְ אַרְבֶּעטְן זֶעקְס שָׁעָה אַ טָאג אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ מוּז רוֹב זַאכְן טוּן, אוֹיב אִיךְ בִּין נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים וֶוערְט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן.

אִיךְ וֵויין וֶוען אִיךְ שְׁרַייב, וַוייל עֶס טוּט מִיר אַזוֹי וֵויי, מַיין וַוייב הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן מַעֲרִיב זֶעט דִי הוֹיז אוֹיס דִי זֶעלְבֶּע אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ דָאס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט; וָואס אִיךְ טוּ - וֶוערְט גֶעטוּן אוּן וָואס אִיךְ טוּ נִישְׁט - וֶוערְט נִישְׁט גֶעטוּן, אִיךְ דַארְף טוּישְׁן דִי קִינְדֶער, צַאמְנֶעמֶען דִי הוֹיז, מַאכְן עֶסְן, אָפְּרוֹימֶען, אוּן אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ מוֹרָא אִיר צוּ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ קֶען גֵיין הֶפְּקֵר, וַוייל זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן מִיר.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט מֶען זָאל טוּן אַזוֹי וִוי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן, גֵיין הֶפְּקֵר אוּן נָאכְדֶעם מַאכְן גוּט פִּילְן, אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע זַאךְ וְכוּ', אוּן אַלֶעס וֶועט זַיין בְּשָׁלוֹם; אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען טוּט דָאס, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר מֶער זָאגְן וִוי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט כֹּחַ פַאר דִי וַוייבּ?

וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז מַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען טוּן זַאכְן אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר הֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״א תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז דָא צַייט פַאר אַלֶעס, אוֹיבּ מֶען וִויל טַאקֶע טוּן הֶפְּקֵר - אִיז דָא צַייט פַאר דֶעם אוֹיךְ.**

בְּנוֹגֵעַ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, וָואס פַאר אַ פְּרוּוֹ נֶעמְט אַפָּאר שָׁעָה - נֶעמְט פַאר'ן מַאן אַפָּאר מִינוּט. אַ מַאן קֶען אִין צֶען פוּפְצֶן מִינוּט צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁטוּב עֶס זָאל זַיין רֵיין. עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט נֶעמֶען זֶעקְס שָׁעָה צוּ רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּב; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ דַארְפְסְט אַרְבֶּעטְן נָאךְ זֶעקְס שָׁעָה אִין שְׁטוּב.

נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ אִין דִי וֶועלְט צוּ דַארְפְן אַרְבֶּעטְן זֶעקְס שָׁעָה צוּ רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּב; עֶס זֶעט אוֹיס פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער אַז דוּ בִּיסְט בְּעַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס מַאכְט דִי אַרְבֶּעט שְׁטַייט, וֶוען מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט זֶעט אוֹיס וִוי אַ בַּארְג אַרְבֶּעט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ גָארְנִישְׁט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף זַיין פְרֵיילִיךְ; אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן קַיין זֶעקְס שָׁעָה אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּב, עֶס וֶועט דִיר נֶעמֶען אַ קוּרְצֶע צַייט אַלֶעס זָאל וֶוערְן מְסוּדָר.

אוֹיךְ וֶועסְטוּ קֶענֶען הֵיילְן דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, וִוי אַזוֹי ווילְסְטוּ זִי זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ? אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ וִוי אַזוֹי ווילְסְטוּ זִי זָאל הָאבְּן כֹּחַ? אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ אִיר פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן, זִי וֶועט שׁוֹין הָאבְּן כֹּחַ אִינְאֵיינֶעם מִיט דִיר צוּ מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּב.

שִׂמְחָה אִיז דִי שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה, שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "כָּל הַחוֹלַאַת", אַלֶע מַחְלוֹת, "עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת", קוּמֶען דוּרְךְ דֶעפְּרֶעסְיֶע, "וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶעס.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קכט.) רָבָא אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן שְׁטוּב קַיין פּוּמְבְּדִיתָא לֶערְנֶען תּוֹרָה, "בְּרַתֵּיהּ דְּרַב חִסְדָּא טָבְלָה בְּגוֹ תְּלָתִין יוֹמִין שֶׁלֹּא בִּפְנֵי בַּעְלָהּ וְאִצְטְנִיאַתְּ", דֶעמָאלְט אִיז זַיין וַוייבּ, זִי אִיז גֶעוֶוען רַב חִסְדָּא'ס טָאכְטֶער - קְרַאנְק גֶעוָוארְן, זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְקִילְט,

"וְאַמְטוּי לְעַרְסָה בַּתְרֵיהּ דְּרָבָא לְפוּמְבְּדִיתָא", הָאט מֶען אִיר גֶענוּמֶען מִיט אִיר בֶּעט קַיין פּוּמְבְּדִיתָא צוּ אִיר מַאן רָבָא אוּן זִי אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט; זָאגְט דִי גְמָרָא, אַז בַּיי אַ פְּרוּי, וֶוען דִי מַאן אִיז מִיט אִיר - אִיז זִי גֶעזוּנְט. דָאס טַייטְשְׁט, דוּ קֶענְסְט אוֹיסְהֵיילְן דַיין וַוייבּ, דוּ קֶענְסְט אִיר בְּרֶענְגֶען צוּ אִירֶע כֹּחוֹת. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, דוּ וֶועסְט אִיר אוֹיפְבּוֹיעֶן, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן הָאפֶענוּנְג - וֶועט זִי צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִירֶע כֹּחוֹת, זִי וֶועט קֶענֶען מְסַדֵּר זַיין דִי שְׁטוּבּ אוּן זִי וֶועט קָאכְן וְכַדוֹמֶה, אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען גֵיין אַבִּיסְל הֲפָּצָה, מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

ווִילַאנְג זִי דַארְף דִיר אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ אַלֶעס לֵייגְן אִין דִי זַייט אוּן אִיר הֶעלְפְן. דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָּצָה וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין וַוייבּ, דוּ וֶועסְט אִינְוֶועסְטִירְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; אַלֶע וֶועלְן זֶען ווִי אַזוֹי אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד פִירְט זִיךְ.

אַז דוּ וֶועסְט מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו, וֶועסְטוּ זֶען ווִי סַאךְ צַייט דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ וֶועט דַיין וַוייבּ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה.

...

### ווִי אַזוֹי הִיט מֶען זִיךְ פוּן טֶערֶעפִיסְטְן וָואס מַאכְן נָאר עֶרְגֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אַ צוּהֶערֶער פוּן דִי שִׁיעוּרִים, בְּעִיקָר דִי קוּרְצֶע שִׁיעוּרִים "חִיזּוּק יוֹמִי", אוּן אִיךְ הֶער ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז שְׁטַארְק מְעוֹרֵר אִיבֶּער דִי עִנְיָן פוּן טֶערֶעפִּיסְטְן, דֶערְפַאר וַוייל אִיךְ שְׁרַייבְּן מַיין עֶרְפַארוּנְג אִין דֶעם עִנְיָן.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק, אוּן קוּמֶענְדִיג פוּן אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטוּבּ, וואוּ מֶען הָאט מִיר בְּסֵדֶר אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטִיגְקֵייט, נָאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט זֵייעֶרֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מַמָּשׁ

גײַסטיש קראַנק פון דעם, און איך האָב געהאַט שווערע פּערסאָנאַלעטי פּראָבלעמען, וואָס מײַן משפּחה האָט מיר געמאַכט גלייבן אַז עס איז מײַן מאַן וואָס איז שולדיג אין דעם, און אַז ער באַהאַנדלט מיר נישט ריכטיג און בדרך כבוד. זיי האָבן מיר געשטופּט און ממש געצווינגען צו גיין פאַר טעראַפּי, מכלומר'שט צו פאַרעכטן מײַן מאַן, און אים שטעלן אין פּלאַץ, און אַז איך זאָל וויסן ווי אַזוי 'אַראָפּצושטעלן אַ פוס', אַ זאַך וואָס איך האָב געהערט פון מײַן פאַמיליע כאַטשיג צען טויזנט מאָל, און זיך נישט לאָזן פון אים.

האַלטנדיג יעצט צוואַנציג יאָר שפּעטער, בין איך שוין געווען בײַ אַרום פינף און צוואַנציג טעראַפּיסטן, עסקנים און רבנים, און אויסגעגעבן אַרום $240,000 דאָלער, און געהאָלפן האָבן אַלע פאַרשטייט זיך אַ גרויסע גארנישט!

נאָך אַ נסיון וואָס דער באַשעפער האָט אונז לעצטנס געשיקט מיט אַ קינד, האָב איך ברוך השם געטראָפן דעם ריכטיגן וועג, מיט דער הילף פון אַ חשובע אמת'ע ערליכע פרוי, און אויך זיך צוהערנדיג צום ראש ישיבה'ס שיעורים, און זײַנע עצות פון תפילה, טײַכן הייסע תפילות, האָבן מײַנע אויגן ענדליך אויפגעלאַכטן, איך האָב אײַנגעזען אַז דער פּראָבלעם איז באמת 'איך', און די שווערע יאָרן אַלס קינד האָט מיר געשעדיגט, איך האָב אנגעהויבן זען ווי מײַן מאַן האָט אַזוי שטאַרק פּרובירט אַלע יאָרן צו זײַן גוט צו מיר, אָבער איך האָב אים נישט געלאָזט, איך האָב אים נאָר אַראָפּגעקלאַפּט די גאַנצע צײַט, ווײַל דאָס איז געווען דער געדאַנק ווי אַזוי מײַן משפּחה האָט עס אַראָפּגעשטעלט פאַר מיר, אַז מײַן מאַן איז דער שולדיגער, און איך בין נאָר געווען ביזי 'אים' צו פאַרעכטן.

ליידער ווייס איך הײַנט דער פאַקט וויפיל צער איך האָב גורם געווען פאַר מײַן מאַן די אַלע יאָרן, און אויך דער צער וואָס איך האָב געהאַט אַלע יאָרן אין רעזולטאַט. אָבער נישט איבער דעם וויל איך שרייבן, נאָר איבער די צוואַנציג יאָר טעראַפּי וואָס מיר זענען אַדורך, און געענוי אַזוי ווי דער ראש ישיבה זאָגט בײַ די דרשות, בין איך געווען בײַ עטליכע טעראַפּיסטן אַלטע מיידלעך פון 50 יאָר אַלט [... און ...], און איך האָב עבט געגלייבט אַז זיי גייען פאַרעכטן מײַן שלום בית און מיר אויסלערנען חינוך פאַר די קינדער. מײַן מאַן פלעגט וויינען אַז ער וויל נישט גיין, אָבער מײַן משפּחה האָט מיר געדרוקט צום וואַנט אַז איך זאָל אים צווינגען צו קומען.

איין אַלטע מיידל פון 40 יאָר [...] האָט מיר אפילו געראָטן זיך אָפּצוטיילן פון מײַן

מַאן פַאר עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים כְּדֵי אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן. אַזוֹי זֶענֶען מִיר אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי עֶטְלִיכֶע טֶערֶעפִּיסְטְן גְרוּשׁוֹת אוּן גְרוּשִׁים [צְווִישְׁן זֵיי ..., אוּן נָאךְ]. אִיךְ שְׁרַייבּ אַרוֹיס דִי נֶעמֶען פוּן דִי טֶערֶעפִּיסְטְן כְּדֵי אִיבֶּערְצוּצֵייגְן אַז אִיךְ זָאג דֶעם אֱמֶת, אוּן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גֶערֶעכְט.

הַיינְט וֶוען אִיךְ קוּק צוּרִיק, זֶע אִיךְ וָואס פַאר אַ צַדִּיק מַיין מַאן אִיז גֶעוֶוען, ווִי שְׁטַארְק עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעלִיטְן פוּן מִיר, אוּן ווִי גֶעטְרֵיי עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין גוּט צוּ מִיר אַלֶע יָארְן, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעלָאזְט. עֶר אִיז אַזַא צַדִּיק אַז עֶר הָאט נִישְׁט הַיינְט קַיין טְרָאפּ טַעֲנוֹת צוּ מִיר, ווִיסְנְדִיג אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ צֶעקְלַאפְּטֶע קִינְד, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן גֶעשְׁטוּפְּט דוּרְךְ מַיין מִשְׁפָּחָה דָאס צוּ טוּן צוּ אִים.

אָבֶּער נָאכְמֶער קוּק אִיךְ צוּרִיק מִיט וֵוייטָאג אִיבֶּער דִי נְקוּדָּה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַז דִי אַלֶע אוֹיסְגֶערֶעכְנְטֶע נֶעמֶען פוּן דִי טֶערֶעפִּיסְטְן זֶענֶען דִי סַאמֶע סוּקְסֶעסְפוּלְסְטֶע טֶערֶעפִּיסְטְן בַּיי אוּנְזֶער הֵיימִישֶׁע עוֹלָם, הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער הֵיימִישֶׁע קָאפְּלְס גֵייעֶן צוּ זֵיי, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט הָאט מֶען מִיר גֶעגֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע אִינְפָארְמַאצְיֶע אוֹיף זֵיי, אֲפִילוּ דִי בַּאקַאנְטֶע אָרְגַאנִיזַאצְיֶע ... הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע אִין דֶעם פֶעלְד, אוּן אִיךְ זָאל גֵיין צוּ זֵיי.

הַיינְט, וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעזוּנְט, קוּק אִיךְ צוּרִיק אוּן אִיךְ שְׁטוֹין, ווִי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אֲפִילוּ גֶעמֵיינְט אַז אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע דוּרְכְפַאל אִין זֵייעֶר אֵייגֶענֶע לֶעבְּן, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אָדֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע'גֶט, מֶענְטְשְׁן מִיט פַארְווִיקֶלְטֶע שְׁוֶוערֶע פֶּערְסָאנַאלֶעטִיס, וֶועלְן מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן פַארֶערְכְטְן מַיין שְׁטוּבּ?! הֶעלְפְן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים?! וֶוען זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְד? זֵיי ווֵייסְן אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס מֵיינְט הָאבְּן אַן אֵייגְן קִינְד.

אוּן אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע, נָאר הוּנְדֶערְטֶער אַנְדֶערֶע גֵייעֶן צוּ זֵיי פַאר הִילְף, צִי זֶענֶען מִיר טַאקֶע דֶער עַם חָכָם וְנָבוֹן? ווִי אַזוֹי לָאזְן דִי רַבָּנִים צוּ מֶען זָאל גֵיין צוּ אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן פַאר טֶערֶעפִּי?! שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּנֶעם פַאקְט אַז יֶעדֶער לַייסֶענְסְד טֶערֶעפִּיסְט (אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט לַייסֶענְסְד טָאר מֶען חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֵיין צוּ זֵיי), הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט יָארְן אִין אַ גוֹי'אִישֶׁע סְקוּל, אוֹיף גוֹיִם אוּן אַ גוֹי'אִישֶׁע לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער, ווִי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי קוּמֶען אוּן נוּצְן זֵייעֶרֶע לֶערְנוּנְגֶען אוֹיף אוּנְזֶער הֵיימִישֶׁע עוֹלָם? אוֹיף אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער?

אויב זיי וואלטן געקענט העלפן למעשה איינעם ארויסקריכן פון זייערע פראבלעמען, וואלט איך געווען שטיל, נאך אלעם קען מען טענה'ן אז חכמה בגוים תאמין, די תורה זאגט ורפא ירפא אז מען דארף גיין צו א דאקטאר זיך היילן; פאקטיש אבער האט קיין איין טעראפיסט, אפילו די אזוי גערופענע פארהייראטע מיט נארמאלע שטיבער, צו וועם מיר זענען געגאנגען דורכאויס די יארן, ממש גארנישט געקענט העלפן, איך געדענק נישט אפילו איין קליינע טראפ הילף וואס איך האב באקומען פון זיי די אלע יארן, אויסער צו אראפשטעלן גרעניצן קעגן מיין מאן, קעגן מיינע קינדער, און מיר אויפגעהעצט קעגן מיין מאן און קינדער, זיך נישט צו לאזן פון זיי, וואס דאס האט נאר געשטערט מיין שטוב ברוחניות וגשמיות.

א שאד אז מען קען נישט צוריק בעטן קיין געלט פון די טעראפיסטן, אז אויב זיי קענען נישט העלפן באקומט מען צוריק דאס געלט, וואלט איך כאטש געקענט אראפלייגן געלט צו קויפן אן אייגענע דירה. יעדע אנדערע דאקטאר וואס האט ווען אזעלכע שלעכטע רעזולטאטן וואלט מען גערופן אין געריכט און ער וואלט ארויס פון ביזנעס.

איך בעט זייער דער ראש ישיבה זאל ווייטער רעדן און האקן, אפילו איך שטעל זיך פאר אז דער ראש ישיבה ליידט פאר זיינע רייד, אבער ער איז מציל אזויפיל אידן פון צער.

ווי אויך וויל איך בעטן מיינע טייערע שוועסטער, אידישע מאמעס, הערט אייך צו צו די ווערטער פון ראש ישיבה, נישט בלויז איז עס די תורה'דיגע וועג, נאר די פראקטישע און אמת'ע וועג, איך בין עס דורך און איך קען אייך דאס איבערצייגן. אויב אייערע עלטערן אדער געשוויסטער העצן אייך קעגן אייער מאן, זייט וויסן אז זיי זענען דער יצר הרע אליינס, וואס האט אזויפיל וועגן ווי אזוי ער קומט צו צום מענטש. און יא, צומאל ליידער אויך אין לבוש פון געשוויסטער וואס האבן כלומר'שט רחמנות אויף דיר און ווילן דיר העלפן.

איך האף אז די פרסום פונעם בריוו וועט העלפן אנדערע אידן, און עס זאל זיין א זכות פאר מיין נשמה, און א תיקון אויפ'ן אומבאשרייבליכן צער וואס איך האב גורם געווען פאר מיין מאן אזויפיל יארן.

איר קענט מפרסם זיין דעם בריוו, אבער ביטע ארויסנעמען אלע נעמען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בָּלָק, ט"ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת ט, ח): "אִי אֶפְשַׁר לְאִישׁ בְּלֹא אִשָּׁה, וְאִי אֶפְשַׁר לְאִשָּׁה בְּלֹא אִישׁ, אִי אֶפְשַׁר לִשְׁנֵיהֶן בְּלֹא שְׁכִינָה", אַ מַאן קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ וַוייבּ, אוּן אַ פְרוֹי קֶען נִישְׁט זַיין אָן דֶעם מַאן, אוּן בֵּיידֶע פוּן זֵיי - קֶענֶען נִישְׁט זַיין אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי תּוֹרָה, דִי תּוֹרָה אִיז חָכְמָתוֹ יִתְבָּרֵךְ, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; וֶוער עֶס זָאגְט אַנְדֶערְשׁ - אִיז אַ פַאלְשְׁקֵייט. [sic] דִי אַלֶע וָואס הֶערְן אוֹיף דִי פְרוֹי קֶעגְן דִי מַאן, אָדֶער פַארְקֶערְט - דִי זֶענֶען פַארְפִירֶערְס. אָךְ אוּן וֵויי פַאר וֶוער עֶס פַאלְט אַריין בַּיי זֵיי אִין דִי הֶענְט הַשֵּׁם יְרַחֵם, דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן איין דִי וַוייבּ זִי זָאל נִישְׁט הִיטְן דִי הֲלָכוֹת וְכוּ', אַזוֹי וֶועט זִיךְ דֶער מַאן צֶעבְּרֶעכְן וְכוּ' - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה.

מוֹהֲרַא"ש זָאגְט, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זֵיי הֶענְגֶען, וְהוֹקַע אוֹתָם, אִין אַלֶע גַאסְן וֶועלְן הֶענְגֶען דִי וָואס טֵיילְן אָפּ מֶענֶער פוּן דִי וַוייבֶּער אוּן וַוייבֶּער פוּן דִי מֶענֶער, וַוייל זֵיי פַארְטְרַייבְּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה; דִי שְׁכִינָה רוּט נָאר וואוּ עֶס אִיז דָא מַאן אוּן וַוייבּ, זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַז מֶען פַאלְט נָאכְדֶעם אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת וָואס בְּרֶענְגֶען אַלֶע צָרוֹת.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי, אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי גֶעלְט, אַ שָׁאד דִי צַייט; זֵיי קֶענֶען קֵיינֶעם נִישְׁט הֶעלְפְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סא): "יֵשׁ מַנְהִיגִים שֶׁנִּקְרָאִים בְּשֵׁם רַבִּי, וְלֹא דַי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים אֲפִילוּ לְהַנְהִיג אֶת עַצְמָן, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהַנְהִיג אֶת אֲחֵרִים", עֶס זֶענֶען דָא פִירֶער'ס וָואס רוּפְן זִיךְ רֶבִּי'ס, זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט הֶעלְפְן, וִוי אַזוֹי קֶענֶען זֵיי הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע? אַלֶע פוּן זֵיי

זֶענֶען גְרוֹיסֶע קְלֶעצֶער, פוּילֶע מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט דִי פְרוּיעֶן טֶערֶעפִּיסְטְן וָואס הָאבְּן מִשְׁפָּחוֹת, אַנְשְׁטָאט זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אַ וַוייבּ פַאר׳ן מַאן, פִירְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ - אַנְטְלוֹיפְן זֵיי פוּן זֵייעֶר אַרְבֶעט פוּן דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט; הֱיוֹת עֶס פַּאסְט דָאךְ נִישְׁט, וָואס וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף אִיר? זִי קָאכְט נִישְׁט, זִי רוֹימְט נִישְׁט, זִי טוּט גָארְנִישְׁט; שְׁטֶעלְט זִי זִיךְ אַהֶער וִוי אַ ׳חַכְמֶת׳, אוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת פַאלְן קָרְבָּנוֹת פַאר זֵיי. אוֹיסֶער דֶעם וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיז דָאס אַ סַכָּנָה, זֵיי הֶעצְן אוֹיף אֵיינֶעם אוֹיפְ׳ן צְוֵוייטְן, רַחֲמָנָא לִצְּלָן.

פְרוֹיעֶן הָאבְּן אִין זִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע מַעֲלָה, מֶער פוּן מֶענֶער; פְרוֹיעֶן זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער אִין אֱמוּנָה, זֵיי גְלֵייבְּן שְׁטֶערְקֶער; דַארְפְן זֵיי דָאס נוּצְן בִּקְדוּשָׁה, גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער, גְלֵייבְּן אִין דִי תּוֹרָה אוּן אִין צַדִיקִים, נִישְׁט וֶוערְן פַארְקוֹיפְט פוּן נַארִישֶׁע זַאכְן.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט פוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצָה, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, מֶען וָואלְט דָאס גֶעטוּן טָאג אוּן נַאכְט; אַנְשְׁטָאט רֶעדְן צוּ טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע וָואלְט מֶען גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְשְׁטָאט רֶעדְן צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם וָואלְט מֶען אַלֶעס דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים ׳הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה׳, אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ ווּאוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט, אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּרְן. - דָאס טוּישְׁט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט אֱמֶת׳דִיג מִיט זִיךְ אַלֵיין.

הִתְבּוֹדְדוּת עֶפְנְט אוֹיף דֶעם אֱמֶת׳ן מֶענְטְשׁ, מֶען הֵייבְּט אָן זִיךְ קֶענֶען, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען פַאר זִיךְ בֶּערְג עֲבֵירוֹת, זַאכְן וָואס מֶען הָאט קֵיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעוְוּיסְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (הַנְהָגוֹת אָדָם, סִימָן א) מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן, "וְאָז יִרְאֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁעָמְדוּ עֲוֹנוֹתָיו נֶגֶד עֵינָיו, וְיִזְכֹּר אֶת חַטֹּאתָיו וַעֲווֹנוֹתָיו וּפְשָׁעָיו כֶּהָרִים וּגְבָעוֹת", דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי עֲבֵירוֹת וָואס גְרֵייכְט אַזוֹיפִיל

ווי רִיזִיגֶע בֶּערְג, "אֲשֶׁר מֵעוֹלָם לֹא זָכַר אוֹתָם אִם עָשָׂה כָּכָה". וָואס פַּארְ'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין הָאט עֶר בִּכְלָל נִישְׁט גֶעווּיסְט אַז עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם, "כָּכָה יַעֲשֶׂה לֹא פַּעַם וְלֹא שְׁתַּיִם וְלֹא מֵאָה פְּעָמִים, עַד אֲשֶׁר יְרַחֲמוּ עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם", אַזוֹי זָאל עֶר טוּן נִישְׁט אֵיין מָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נִישְׁט הוּנְדֶערְט מָאל; עֶר זָאל זִיךְ אַזוֹי פִּירְן בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים פִּירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, "וְיִתְפַּלֵּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּדְרִיכֵהוּ בַּדֶּרֶךְ וְיוֹרֵהוּ דַּרְכּוֹ שֶׁלֹּא יְבַלֶּה חַיֵּי חַיָּיו", עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶר זָאל נִישְׁט פַּארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן אוּן טֶעג מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן עֶר וֶועט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַנְשְׁטָאט בַּאשׁוּלְדִיגְן דֶעם מַאן, דִי עֶלְטֶערְן, דֶעם אוּן יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ', - הֵייבְּט מֶען אָן זֶען אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס פַּארְעֶכְטְן, 'קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אִין מַיין לֶעבְּן, אִיךְ אַלֵיין קֶען זִיךְ מַאכְן דִי לֶעבְּן גוּט אָדֶער שְׁוֶוער', אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג' מְחִגֵּר) וֶוען דֶער גַּזְלָן, דֶער רוֹצֵחַ הָאט גֶעטְרָאטְן אוֹיף דִי שְׁטוֹיבּ פוּן דִי צַדִּיקִים, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הָאט עֶר גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן ווֵיינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן: "גִּיוַואלְד, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן דִי אַלֶע יָארְן? אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ גֶע'הַרְגְ'עט מֶענְטְשְׁן, בַּא'גַנְבְ'עט מֶענְטְשְׁן"; דָאס קוּמְט אַרוֹיס וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, אַנְשְׁטָאט בַּאשׁוּלְדִיגְן דִי עֶלְטֶערְן, דֶעם מַאן, אָדֶער דֶער מַאן בַּאשׁוּלְדִיגְט דִי וַוייבּ - הֵייבְּט מֶען אָן תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען פַּארְעֶכְט זִיךְ. אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען טְרֶעט אוֹיף דִי שְׁטוֹיבּ פוּן דִי מְשׁוּגָעִים, מֶען קוּמְט אָן צוּ טֶערֶעפִּי; דֶעמָאלְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאשׁוּלְדִיגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן: "וֶועגְן דִיר הָאבּ אִיךְ גֶע'הַרְגְ'עט, דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג", בִּיז זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'עט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; דָאס פַּאסִירְט מִיט דֶער וָואס טְרֶעט אוֹיף דִי שְׁטוֹיבּ, וֶוער עֶס קוּמְט אָן בַּיי זֵיי, עֶר טְרֶעט נָאר אַרַיין בַּיי זֵיי.

עֶס הָאט אֵייךְ גֶעקָאסְט אַ פֶערְטְל מִילְיָאן דָאלֶער דִי גְנֵיבָה; אַנְדֶערֶע צָאלְן נָאךְ מֶער, מֶען אִיז אַיינְגֶערֶעדְט אִין דִי זַאךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן. בַּיים רֶבִּי'ן

קָאסְט נִישְׁט דִי זַאכְן קַיין גֶעלְט, מֶען קֶען רֶעדְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין עֶנְדֶע, אוּמְזִיסְט, אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט דְבֵיקוּת בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע טַעַם פוּן גַן עֵדֶן, לְהִתְעַנֵּג עַל הַשֵּׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אַייעֶר תְּשׁוּבָה.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דִי בְּרִיווּ אוּן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין; גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶּער: "אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ דִיר, אִיךְ וִויל טוּן נָאר דַיין וִוילְן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן שְׁטַארְק".

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף פָאר אִיךְ הַיינְט אַרוֹיס אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ וֶועל זַיין דָארְט דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער וָואכְן; עֶס וֶועט זַיין שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג. אִינְדֶערְפְרִי וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר גְמָרָא אוּן פַארְנַאכְטְס וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

גֶעדֶענְק, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְקוּת: "אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן אִין רֶבִּי'ן - וֶועט עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ אִין רֶבִּי'ן? אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיווּ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ - דָאס אִיז אֵיין שְׁטִיק רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי בְּרִיווּ, אִין דִי קוּנְטְרֵסִים - דָאס וֶועט דִיר עֶפֶענֶען דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַ פְּלַאץ וואו גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת קוּמֶען צוּ גֵיין**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי גוּט דָא אִין שְׁטֶעטְל, מֶען שְׁפִּירְט דָא אַזַא רֵיינְקֵייט; אַ לוּפְט פוּן אֱמוּנָה, אַ לוּפְט פוּן שִׂמְחָה; אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה דָא.

דִי וָואךְ הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן נָאךְ פִיר טַייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת, מִשְׁפַּחַת ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, מִשְׁפַּחַת ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ אוּן מַיין זוּן ר' ... נֵרוֹ יָאִיר.

גֶעלוֹיבְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער שְׁטֶעטְל אִיז אַ פְּלַאץ וואו גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת קוּמֶען צוּ גֵיין; בַּיי אַסַאךְ נַייעֶ פְּלֶעצֶער, נַייעֶ גֶעגְנְטֶער, זֶען מֶען עֶס קוּמֶען צוּ לוֹיפְן מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זִיךְ, זֵיי זוּכְן צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה וְכַדוֹמֶה, עֶס אִיז דָא גַאנְצֶע נַייעֶ גֶעגְנְטֶער וָואס רוֹב מִנְיָן אוּן רוֹב בִּנְיָן זֶענֶען פוּן נִישְׁט צוּפְרִידֶענֶע מִשְׁפָּחוֹת. דִי אִינְגֶעלַייט הֵייבְּן אָן צוּבִּיסְלִיךְ אַרָאפְּנֶעמֶען אַ שְׁטִיקְל בָּארְד, דִי פְרוֹיעֶן טוּעֶן אוֹיס דִי שְׁטְרִימְפּ, לָאזְן זִיךְ וַואקְסְן הָאר - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז גָאר פַארְקֶערְט, עֶס קוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת, מֶען זֶעט בַּיי דִי אִינְגֶעלַייט צוּבִּיסְלִיךְ קוּמְט צוּ אַ בָּארְד, דִי פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ אָפּ; נִישְׁטָא קַיין אֵיין מִשְׁפָּחָה אִין שְׁטֶעטְל וָואס גֵייט מִיט אֵייגֶענֶע הָאר, מִשְׁפָּחוֹת וָואס פְּלֶעגְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן - הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין שְׁטֶעטְל זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל וַוייטֶער אַזוֹי זַיין; וֶוער עֶס זוּכְט אַ פְּלַאץ פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, דִי וֶועלְן קוּמֶען דָא וואוֹינֶען.

...

## פַאלְשֶׁע צִירוּנְגֶען מִיט אַן עֶכְטֶע חָתָן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶע טָאכְטֶער, הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳**

זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַ כַּלָּה. הָאסְט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ׳עֶר חָתָן; דַיין חָתָן לֶערְנְט בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה שׁוֹין פִינְף יָאר, פוּן זַיין בַּר מִצְוָה, עֶר לֶערְנְט פְלַייסִיג אַלֶע זַיינֶע יָארְן אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, דָאס דַארְף זַיין דַיין גַאנְצֶע שִׂמְחָה.

אִיךְ זֶע דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ רִינְגְל פוּן דַיינֶע מְחוּתָּנִים מִיט אַ פַאלְשֶׁע דַיימַאנְט שְׁטֵיין, אוֹיךְ אַ בְּרֶעסְלֶעט מִיט פַאלְשֶׁע שְׁטֵיינֶער, אָבֶּער דַיין חָתָן אִיז נִישְׁט פַאלְשׁ; דוּ הָאסְט פַאלְשֶׁע צִירוּנְגֶען מִיט אַן עֶכְטֶע חָתָן. בַּיי אַנְדֶערֶע אִיז דָא עֶכְטֶע צִירוּנְגֶען מִיט אַ פַאלְשֶׁער חָתָן, אַ גֶעמַאכְטֶער, אַ גֶעפָּאפְּטֶער; מֶען דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי כַּלָּה מִיט טַייעֶרֶע צִירוּנְגֶען. מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט מֵיידְלֶעךְ וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז, זֵיי ווִילְן נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט בְּלַייבְּן אַלֵיינְס, אוֹיךְ ווִילְן זֵיי צִירוּנְגֶען וְכַדוֹמֶה.

דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן אִין בֵּית פֵיגָא, דוּ וֵוייסְט וָואס לֶעבְּן אִיז, ווִי שֵׁיין דֶער לֶעבְּן אִיז אַז מֶען לֶעבְּט ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל, ווִי שֵׁיין אוּן גוּט אִיז חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס ווִילְן.

דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט טַייעֶרֶע צִירוּנְגֶען, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין חָתָן, פְרֵיי זִיךְ אַז דַיין חָתָנְ׳ס עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט צַאמְבְּרֶעכְן פוּן בָּארְגְן חוֹבוֹת, זֵיי וֶועלְן קֶענֶען זַיין בַּיי דִי חֲתוּנָה אָן חוֹבוֹת, זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה.

עֶס אִיז אַזַא רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, רוֹב שִׂמְחוֹת זֶענֶען אָן שִׂמְחָה; רוֹב שִׂמְחוֹת דַארְף מֶען בָּארְגְן שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר דִי מְחוּתָּנִים, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט דִי גֶעלְטֶער וָואס עֶס קָאסְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן. דִי חָתָן אוּן כַּלָּה זֶענֶען נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, זֵיי דַארְפְן אוּן דַארְפְן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, נָאר אַז דֶער חָתָן וֶועט הָאבְּן

אַ טֵייעֶרֶע זֵייגֶער אוּן אַ טֵייעֶרֶע שְׁטְרַיימְל - דֶעמָאלְט אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ פַאר פִינְף מִינוּט.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז שֵׂכֶל, פָּשׁוּט שֵׂכֶל, מִיר זָאלְן וויסְן וָואס אִיז דִי תַּכְלִית אִין לֶעבְן. נִישְׁט דִי זַאכְן מַאכְן פְרֵיילִיךְ, נָאר דֶער וָואס לֶעבְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער אִיז פְרֵיילִיךְ.

דַיין טַאטֶע.

...

**קוּקְן אוֹיף דִי טוֹבָה פוּנֶעם קִינְד, נִישְׁט אוֹיף כְּבוֹד הַמְּדֻמֶּה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס אִיר זֶענְט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר פַארְ'ן אָנְטְרָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן - אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין שַׁדְכָן, גֶעוֶוענְלִיךְ אַ שַׁדְכָן הָאט אַן אִינְטֶערֶעסֶע, עֶר וויל מַאכְן דִי שִׁידוּךְ כְּדֵי צוּ מַאכְן זַיינֶע פָּאר דָאלֶער, אַ טָאג נָאכְן שִׁידוּךְ אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט צוּם גֶעפִינֶען. אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין שַׁדְכָן, וֶוען אִיךְ מַאךְ אַ שִׁידוּךְ פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים - אִיז דָאס פַאר מִיר אַרְבֶּעט פַאר מַיין גַאנְצֶע לֶעבְן; אִיךְ אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן לֶעבְן בְּאַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת.

שֵׁנִית, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לא.): "דַּעֲלָךְ סָנֵי, לְחַבְרָךְ לֹא תַּעֲבִיד", וָואס דוּ הָאסְט אַלֵיינְס פַיינְט, טוּ נִישְׁט פַאר דַיין חָבֵר; אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ אָנְגֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁידוּךְ, וָואלְט אִיךְ דָאס גֶעטוּן פַאר מַיינְס אַ קִינְד אוֹיךְ, אִיךְ וָואלְט גֶענוּמֶען דֶעם שִׁידוּךְ פַאר מִיר; חַס וְחָלִילָה צוּ טְרַאכְטְן אַז אִיךְ וויל אַייךְ אַרַיינְנַארְן מִיט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ וֶועל וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס אִיר הָאט גֶעהֶערְט - זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייךְ; אִיר זָאלְט

זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען, וַוייל אַזַא שִׁידוּךְ וֶועט אִיר נִישְׁט טְרֶעפְן; בֶּעסֶערְס פוּן דֶעם, פַאר דִי טוֹבָה פוּן אַייעֶר קִינְד – וֶועט אִיר נִישְׁט הָאבְּן.

אַז אִיר קוּקְט אוֹיף אַייעֶר כָּבוֹד, אוֹיף ׳מַה יֹאמְרוּ הַבְּרִיּוֹת?׳ – דָאס יָא, עֶס אִיז דָא אֶפְשָׁר מֶער כָּבוֹד הַמְדֻמֶּה, אָבֶּער בֶּעסֶערְס פַאר אַייעֶר קִינְד נִישְׁט.

...

### עֶס אִיז נִישְׁט גוּט דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן רֵייכֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ח׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לפ״ק

**לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֵייכֶערְן, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דֶעם. דַיין כַּלָּה תִּחְיֶ׳ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אִיר גֶעבְּן אַ חָתָן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אָן קַיין טֶעלֶעפָאן, אֵיינֶער וָואס רֵייכֶערְט נִישְׁט; אִיז נִישְׁט גוּט דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן יֶעצְט אַלְס חָתָן צוּ רֵייכֶערְן.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל רֵייכֶערְן, אִיז נִישְׁט כְּדַאי דוּ זָאלְסְט יֶעצְט אַלְס חָתָן אָנְהֵייבְּן רֵייכֶערְן.

שְׁטַארְק זִיךְ בֶּאֱמוּנָה, נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרַ״ש זָאגְט אַז אֱמוּנָה אִיז אָן קַיין סוֹף, יֶעדֶע רֶגַע קֶען מֶען גֵיין טִיפֶער אוּן טִיפֶער אִין אֱמוּנָה. יֶעדֶעס מָאל מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ ׳אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער׳ – אִיז דָאס אַ נֵייעֶ זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט דָאס זֶעלְבֶּע פוּן וָואס מֶען הָאט גֶעוְוּיסְט פְרִיעֶר; עֶס אִיז נֵיי, דִי אֱמוּנָה אִיז פְרִישׁ.

...

**דֶער חָלוֹם אִיז אֱמֶת, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז נִישְׁטָא קַיין קַשְׁיוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת יוֹאֵל**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי חָלוֹם וָואס אִיר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט פוּן אַייעֶר בְּרוּדֶער עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן; עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ צֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן הַשֵּׁם יְרַחֵם.

אִיר הָאט אִים גֶעזֶען אִין חָלוֹם אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט אַייךְ גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר גוּט דָא אִין הִימְל, דָא אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת".

אִיר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִין חָלוֹם: "פַארְוָואס קוּמְסְט נִישְׁט אִין חָלוֹם צוּ אַנְדֶערֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען וֶוען מֶען אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אִיךְ קֶען נִישְׁט לַיידְן דִי עַצְבוּת, אִיךְ קוּם נָאר וואוּ עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ".

דֶער חָלוֹם אִיז אֱמֶת, אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז נִישְׁטָא קַיין קַשְׁיוֹת, אוֹיבְן אִין הִימְל קֶען מֶען נִישְׁט לַיידְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען טְרוֹיעֶרִיג. בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט (דִּבְרֵי הַיָּמִים א' טז, כז): "עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר דָא שִׂמְחָה.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה, זַייט פְרֵיילִיךְ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לא.): "אֵין שְׁכִינָה שׁוֹרָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט נִישְׁט, "לֹא מִתּוֹךְ עַצְבוּת וְלֹא מִתּוֹךְ עַצְלוּת", בַּיי זוֹיעֶרֶע מֶענְטְשְׁן אוּן בַּיי פוּלֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', "אֶלָּא מִתּוֹךְ דָּבָר שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה"; אוּן דִי גְמָרָא זָאגְט דָארְט: "וְכֵן לַחֲלוֹם טוֹב", זָאגְט רַשִׁ"י (דִּבּוּר הַמַּתְחִיל לַחֲלוֹם טוֹב): "אִם בָּא לִישָׁן מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן פְרֵיילִיךְ, "מַרְאִין לוֹ חָלוֹם טוֹב", וַוייזְט מֶען פוּן הִימְל גוּטֶע חֲלוֹמוֹת.

אַייעֶר בְּרוּדֶער אִיז אוֹיבְן אִין גַן עֵדֶן, אִים אִיז יֶעצְט זֵייעֶר גוּט. עֶר אִיז אַוֶועק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, צְוִוישְׁן אַזוֹיפִיל הֵיילִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר קוּמְט צוּ דִי נָאנְטֶע וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ אוּן הָאבְן נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

זַייט מְפַרְסֵם דֶעם חָלוֹם פַּאר דִי מִשְׁפָּחָה אוּן בַּאקַאנְטֶע, עֶס זָאל פַּארְמֶערְט וֶוערְן אֱמוּנָה.

...

## גֶעסְט וָואס קוּמֶען, אִיז אַ מַתָּנָה פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס דַארְף אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת קוּמֶען זִיצְן בַּיי אַייךְ אִין גָארְטְן, אִיר דַארְפְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען קוּמְט צוּ אַייךְ אִין חָצֵר, כָּל זְמַן מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע זַאכְן, מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט פוּן סְתַּם זַאכְן - דַארְף אַייךְ דָאס נִישְׁט אָנְגֵיין, עֶס וֶועט נָאר צוּגֶעבְּן פַּאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

קִינְדֶער דַארְפְן שְׁכֵנִים אוּן חֲבֵרִים מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, אוּן אִין שְׁטֶעטְל קוּמְט צוּ נָאךְ זַאכְן, שְׁפִּילְן מִיט זַאמְד, גְרוּבְּן גְרוּבֶּער וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, קד.) וֶוען עֶס קוּמֶען אִין שְׁטוּב גֶעסְט, אִיז דָאס אַ סִימָן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ גַאסְט, דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן טַאנְצְן: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר לִיבּ; אִיךְ זֶע דָאךְ אַז עֶס אִיז מִיר גֶעקוּמֶען אַ גַאסְט', אַזוֹי זָאלְט אִיר טְרַאכְטְן וֶוען עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען וַוייזְט אַייךְ פוּן הִימְל וִוי חָשׁוּב אִיר זֶענְט.

גֶעדֶענְקְט, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט (נָשֹׂא קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא מִילְתָא", אֲנַ"ן אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ, מִיר זֶענֶען מַצְלִיחַ נָאר וַוייל עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט.

...

**אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, הָאט מֶען פְרֵיילִיכֶע חֲלוֹמוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ...**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

וָואס מֶען טְרַאכְט בַּייטָאג - דָאס חָלוֹמְ׳ט מֶען בַּיינַאכְט. אַז מֶען טְרַאכְט גוּט, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - חָלוֹמְ׳ט מֶען זִיךְ גוּטֶע חֲלוֹמוֹת, ווִידֶערְאוּם אַז מֶען לֶעבְּט אִין שְׁרֶעק, מֶען טְרַאכְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, ׳אִיךְ גֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט׳, ׳מִיר גֵייעֶן אֵיין טָאג הוּנְגֶערְן׳, ׳אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳׳, דֶעמָאלְט חָלוֹמְ׳ט מֶען זִיךְ דָאס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת חָלוֹם, סִימָן א-ב): ״לַחֲלוֹם רָע תֹּאמַר בַּבֹּקֶר: ׳הַחֲלוֹמוֹת שָׁוְא יְדַבֵּרוּ׳״, אַז מֶען חָלוֹמְ׳ט זִיךְ אַ נִישְׁט גוּטֶע חָלוֹם, זָאל מֶען זָאגְן: ״הַחֲלוֹמוֹת שָׁוְא יְדַבֵּרוּ״, חֲלוֹמוֹת זֶענֶען נַארִישׁ, אוּן וֶוען מֶען חָלוֹמְ׳ט זִיךְ אַ גוּטֶע חָלוֹם, זָאל מֶען זָאגְן: ״בַּחֲלוֹם אֲדַבֶּר בּוֹ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֶעדְט צוּ מִיר.

אַז עֶס לוֹיפְן דִיר נָאךְ נִישְׁט גוּטֶע חֲלוֹמוֹת, דוּ טְרַאכְסְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַ קְלֵיינֶע גֶעבֶּעט: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין פַּאזֶעטִיוו, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט״**; בֶּעט דָאס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל - וֶועסְטוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן אוּן חָלוֹמְ׳עֶן שְׁלֶעכְטְס.

...

## דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּקְלוֹיבְּן אַ גוּטֶע פָּאסְטְן פַאר פַּרְנָסָה

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

וֶוער הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט אַז נָאר אַן אַרְבֶּעט וָואס מֶען קֶען גֵיין הֶעכֶער און הֶעכֶער - דָאס אִיז דֶער צִיל? וֶוער זֶענֶען דַיינֶע יוֹעֲצִים? וֶוער זֶענֶען דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס פִירְן דַיין לֶעבְּן?

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): "עֶס אִיז דָא אֵיין צִיל, דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם דַארְף מֶען גֵיין אַלֶץ הֶעכֶער און הֶעכֶער, מֶען דַארְף זוּכְן עֵצוֹת און נֶעמֶען חִיזוּק צוּ גֵיין מַעֲלָה מַעֲלָה, אִין פַּרְנָסָה דַארְף מֶען בְּעִיקָּר קוּקְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען אַפָּאר דָאלֶער צוּ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין דִי שְׁטוּב.

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט פוּן דְרֵייוְון אַ בָּאס, טְרָאגְן און בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. עֶס אִיז אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ קֶענְסְט מִיט אֵיין גוּט וָוארְט רַאטֶעוֶוען אַ קִינְד, מִיט אֵיין שְׁמֵייכְל קֶענְסְטוּ גֶעבְּן כֹּחַ פַאר דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶער, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן וִוי אֵיינֶער טְרַאכְט פוּן זֵיי.

אוֹיךְ צָאלְט מֶען שֵׁיין; וֶועסְט קֶענֶען צָאלְן דִירָה גֶעלְט וְכַדוֹמֶה, אוֹיךְ וֶועסְטוּ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן וִוי אַן עֶבֶד כְּנַעֲנִי פוּן פַארְטָאגְס בִּיז צֵאת הַנְּשָׁמָה, נָאר סַךְ הַכֹּל צְוֵויי שָׁעָה צוּפְרִי און צְוֵויי שָׁעָה נָאכְמִיטָאג. וֶועסְט קֶענֶען גֵיין אִין מִקְוֶה, דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

פַארְגֶעס נִישְׁט, דוּ בִּיסְט דֶער בֶּן מֶלֶךְ, נִישְׁט דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט אוּנְז צוּ פַארְטוּישְׁן, עֶר נֶעמְט טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט און לֵייגְט זֵיי אַרַיין אִינֶעם בֵּית הַשִּׁפְחָה. מֶען וֶוערְט פַארְשְׁוַוארְצְט פוּן נָאכְלוֹיפְן דֶעם דָאלֶער, מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי גֶעלְט דִי פָּאר יָאר, בִּיז מֶען דַארְף שׁוֹין צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יא).

אַ נַייעֶ שְׁפְּרַאךְ אִיז דָא צְוִוישְׁן אַלֶע אִינְגֶעלַייט, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן מַאכְן גֶעלְט, נָאר וִוי מֶען קֶען מַאכְן אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם גֶעלְט;

אַנְשְׁטָאט קוּקְן: 'וואו דַארְף אִיךְ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, וואו קֶען אִיךְ הָאבְּן צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, צַייט פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער'? טְרַאכְט מֶען: 'וואו קֶען מֶען וֶוערְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער?' אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּב.

פָאלְג דִי עֵצוֹת פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ז) עֵצוֹת פוּן אַ צַדִּיק אִיז כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת.

...

עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער, אָבֶּער עֶס אִיז אַלְץ כְּדַאי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּקֶעמְפּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב

דִי גוּטֶע גְרוּסְן הֵייבְּן אָן קוּמֶען, דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן אַז זֵיי הֶערְן פוּן דִי קוֹל פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי רוּפְן אַהֵיים - וְוִי צוּפְרִידְן זֵיי זֶענֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט מִיט קִינְדֶער, אָבֶּער עֶס אִיז אַלְץ כְּדַאי, עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס, דִי אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד. וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ אַרְבֶּעטְסְט אִין בּוֹיעֶן הַייזֶער? יֶעצְט בּוֹיסְטוּ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, בּוֹיסְט אוֹיף אַן אַרְמֵיי פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען צוּ עֶנְק לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, לָאז מִיר ווִיסְן וֶוען עֶס אִיז אַ גוּטֶע צַייט, וֶוען עֶס אִיז גֶעאֵייגְנְט צוּ קוּמֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער.

...

**אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט אַ גוּטֶע וֶועג וַוייזֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל

דוּ הָאסְט מִיר זֵייעֶר דֶערפְרֵייט וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט: "אַלֶע מַיינֶע עֵצוֹת נֶעם אִיךְ נָאר פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה". וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶעבְּסְט מִיטְ'ן רֶבִּי"ן, מִיט מוֹהֲרַ"אשׁ אוּן מִיט אַלֶע צַדִּיקִים.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַ וֶועג וַוייזֶער, זֵיי גֵייעֶן הֶערְן גוֹיִם רַחֲמָנָא לִצְּלָן. קוּק בַּיי דִיר, בַּיי דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער; דֶער בְּרוּדֶער הֶערְט דֶעם גוֹי טָמֵא, דֶער אַנְדֶערֶער בְּרוּדֶער נֶעמְט זַיינֶע עֵצוֹת פוּן ... - אַ גוֹי טָמֵא וּמְטַמֵּא, מְשֻׁקָּץ וּמְתוּעָב. אַזוֹי זֶענֶען לֵיידֶער דָא אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט דִי עֵצוֹת, דִי וֶועג - פוּן רֶבִּי"ן; גֵייעֶן זֵיי נָאךְ גוֹיִם אָדֶער עֵצָה גֶעבֶּערְס וָואס נֶעמֶען זֵייעֶרֶע עֵצוֹת פוּן גוֹיִם.

דָאס אַלֵיינְס דַארְף דִיר גֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ צוּ גֵיין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת וְכוּ'; דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ לֶערְנְט אוּנְז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן.

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, פוּן מַיין חֲתוּנָה - הָאבּ אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג, בִּפְרַט דִי אִידִישֶׁע צֵייטוּנְגֶען וָואס אִיז פוּל מִיט טוּמְאָה. עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע שְׁטוּבּ וֶוען עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרַיין קַיין שׁוּם לֵיין מַאטְרִיַאל פוּן דִי גַאס, כָּל שֶׁכֵּן ווידִיאוֹס וְכוּ'.

...

**אָנְצִינְדְן נִיגוּנִים נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס אִיר טוּט, אִיר זֶענְט מְסַדֵּר אַ צוּזַאמְקוּם אֵיינְמָאל אַ וָואךְ פַאר דִי פְרוֹיעֶן. מֶען הֶערְט אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת, מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, מֶען שְׁפִּילְט אוּן מֶען טַאנְצְט.

אִיךְ ווִיל אָבֶער אִיר זָאלְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס פַאר אַ נִיגוּנִים מֶען צִינְדְט אָן. וָואס מֶענְטְשְׁן הֶערְן פְּרִיוַואט - אִיז אֵיין זַאךְ, זָאל יֶעדֶער פְרֶעגְן זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ וָואס פַאר אַ נִיגוּנִים צוּ הֶערְן, אָבֶער אַז מֶען מַאכְט דִי צַאמְקוּם אוּנְטֶער אוּנְזֶער נָאמֶען - דַארְף דָאס זַיין אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְצִינְדְן נִיגוּנִים פוּן פְרֵייעֶ וְכַדוֹמֶה, נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס.

עֶס אִיז מִיר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז מֶען ווֵייסְט דָאס נִישְׁט אַלֵיינְס, אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען ווֵייסְט נִישְׁט; דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", נִיגוּנִים פוּן רְשָׁעִים שְׁטֶערְן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", אוּן נִיגוּנִים פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן הֶעלְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן; אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים מֶען זָאל טַאנְצְן אוֹיף דִי נִיגוּנִים.

אִיר קֶענְט בֶּעטְן מָרַת ... תִּחְיֶ', אִיר מַאן גְרֵייט אָן דִי נִיגוּנִים פַאר דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה, עֶר ווֵייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס פַאר אַ נִיגוּנִים מֶען קֶען אָנְצִינְדְן אִין יְשִׁיבָה, עֶר קֶען אָנְגְרֵייטְן טְרֶעקְס פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס אוֹיף וָואס אִיר קֶענְט טַאנְצְן.

עֶס פֶעלְט גָארְנִישְׁט פַאר דִי הֵיימִישֶׁע עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט ווֵיינִיגֶער לֶעבֶּעדִיג פוּן דִי פְרֵייעֶ זִינְגֶערְס.

אַ שָׁאד אַז מֶען קוּמְט הֶערְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע חִיזוּק אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן נָאכְדֶעם הֶערְט מֶען פְרֵייעֶ זִינְגֶערְס, פַאלְט אַלֶעס אַוֶועק.

...

**ווִי מֶער מֶען לֶערְנְט, אַלְץ גֶעשְׁמַאקֶער ווֶערְט עֶס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זֶע צוּ זַיין צֵייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִיט דַיין חַבְרוּתָא דֶעם לִימוּד וָואס מֶען לֶערְנְט אִין כּוֹלֵל.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז עֶס שְׁוֶוער, אָבֶּער עֶס וֶוערְט נָאר זִיסֶער אוּן זִיסֶער; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג מִיט דַיין חַבְרוּתָא - וֶועסְטוּ מִיר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ. פְּרֶעג דִי אַנְדֶערֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, פַאר זֵיי אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוער גֶעוֶוען אִין אָנְהֵייבּ, יֶעצְט אִיז זֵיי אַזוֹי גֶעשְׁמַאק דָאס לֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אַז דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן".

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה, אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין.

פוּן דַיין טַאטֶע.

...

## נִישְׁט אַלֶע בָּחוּרִים לֶערְנֶען טַאקֶע אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל אַ קְלֵיינֶע טוֹבָה פוּן דִיר, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אָנְרוּפְן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פוּן דִי דִירָה וָואס דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַלְס בָּחוּר פַאר אַ דָארְמִיטָארִי, אִים מוֹדִיעַ זַיין אַז דִי דִירָה הָאט מֶער גָארְנִישְׁט מִיט מִיר.

כָּל זְמַן דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען דָארְט, אוֹיךְ נָאכְדֶעם וֶוען ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט דָאס גֶעפִירְט - אִיז גוּט גֶעוֶוען, יֶעצְט זֶענֶען דָא דָארְט בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גָארְנִישְׁט מִיט דִי יְשִׁיבָה, עֶס זֶענֶען דָא דָארְט בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייִדְט אִין יְשִׁיבָה אוּן זֵיי רֶעדְן אַיין זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַז זֵיי זֶענֶען אִין יְשִׁיבָה, לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מִיט דִי יְשִׁיבָה.

וִוייל אִיךְ עֶר זָאל וִויסְן אַז עֶס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

...

**מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ כַאפְּן דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בָּלָק, י״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מְלַמְּדוּת אִיז אַ ׳חָכְמָה וְאֵינָהּ מְלָאכָה׳, מֶען דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ כַאפְּן דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער - זֵיי זָאלְן פָאלְגְן אוּן טוּן וָואס מֶען דַארְף.

בְּנוֹגֵעַ דִי צְוֵויי קִינְדֶער וָואס זֵיי הָאבְּן דִיר גֶעשְׁטֶערְט אוּן נִישְׁט גֶעפָאלְגְט; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז פְּשַׁט, וַוייל דִי צְוֵויי בָּחוּרִים זֶענֶען אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר; זֵיי פָאלְגְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַרְבֶּעט מִיט זֵיי.

עֶס קֶען זַיין זֵיי זוּכְן אַ שְׁמֵייכְל פוּן זֵייעֶר נֵייעֶר מְלַמֵּד, אַ גוּט וָוארְט, אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט וְכַדוֹמֶה; זָאלְסְטוּ מִיט חָכְמָה גֶעבְּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער פְּרִיוַואט וַוארֶעמְקֵייט, בִּפְרַט פַאר הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר. עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט פִיר מַאמֶעס, פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן ווִי זַיין הֶערְצֶעלֶע אִיז צֶערִיסְן, יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין טַאטֶע גֶע׳גֶט צוּם פֶערְטְן מָאל. עֶר אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, אַ שְׁטִיק גוּטְס; עֶר שְׁטֶערְט דִיר בִּשְׁעַתְ׳ן לֶערְנֶען נָאר וַוייל עֶר ווִיל דַיין גוּט וָוארְט, דַיין שְׁמֵייכְל.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן דִיר זָאלְסְט נוּצְן חָכְמָה, נִישְׁט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוער.

...

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## אִיךְ קֶען אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק

קִינְדֶער, וֶוער וַוייסְט ווִי אַזוֹי מֶען וֶוערְט אַ צַדִיק?

דִי קִינְדֶער שְׁרַייעֶן אַלֶע: "אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!"

זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןּ צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט עֶר זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, פְּרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'עֶן אִין מִקְוֶה לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט

עֶפֶּעס טוּן כְּדֵי זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין שַׁבָּת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזֶען אַ אִיד זָאגְן שִׁיר הַשִּׁירִים בַּיי זַיין שְׁטֶענְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרַאכְט 'אִיךְ וִויל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אַזוֹי וִוי דֶער אִיד וָואס זָאגְט שִׁיר הַשִּׁירִים אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט', הָאט עֶר זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער, דֶער אִיד הָאט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז מָאדְנֶע, וָואס זִיצְט אַ קִינְד אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער? עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ, זֵיי טוּעֶן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן.




אִיךְ וִויל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם שַׁבָּת

אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט דָאס נִישְׁט גֶעטוּן אַלְץ נַארִישֶׁע קִינְדְרִישֶׁע זַאכְן, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן אִינֶעם שְׁטֶענְדֶער אוּן גֶעוֵויינְט, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִינֶעם שַׁבָּת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק״, דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט גֶעזִיצְן אַ לַאנְגֶע צַייט.

דֶער אִיד הָאט פַארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבִּי זִיצְט דָארְט, בִּיז וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, דֶעמָאלְט אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זִיצְן אַזוֹי לַאנְג אִין דִי טוּנְקֶל.

אַלֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן, אִיר וֶועט גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן אַלֶע וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

בעזהשי"ת

אנשי שלומינו

# הקשיבו!



רופט שוין און הערט א רייכע און

## אינפארמאטיווע אינטערוויו

וואס טוהט זיך אונטער די קוליסן
פון די אנגייענדע קאמפיין קבל ומסרה

**רופט יעצט!**

# 212.444.9191

| און דערנאך: | דערנאך: | דערנאך: | דערנאך: |
| --- | --- | --- | --- |
| 123 | 5 | 7 | 1 |

**פאלגט נאך**
ווייטערדיגע מעלדונגען



בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

איף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'

## יואל רוטה

שליט"א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש

# 718•387•2691

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com